# יצחק באַשעוויס זינגער

## זאַמד

אײַ

דאָסמאָל האָבן פּאָדגורנער ייִדן זיך נישט געלייגט אין די בעטן נאָך דער שבועותדיקער מילכיקער סעודה.

אַראָפּציִענדיק פֿון זיך די הויכע פֿאַרשטויבטע שטיוול, האָט יעדער מיטגענומען מיט זיך זײַן ווײַב און קינדער און געלאָזט זיך צו פּסך פּלאָטניקס אײַזל.

פּסך פּלאָטניק איז געשטאַנען בײַם נידעריקן ברונעם אַ באָרוועסער, אַ צעכראַסטעטער און אײַנגעבויגן זײַן האַריק מויל צום עמער פֿרישן וואַסער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאָט אַרויפֿגעצויגן פֿון אונטן אין זײַן אַנגעצויגענעם, אָפּגעברענטן און אָקסיש פֿאַרהאַרטעוועטן האַלדז האָבן גראָבע אָדערן בײַ יעדער שלוק זיך געווידמעט. פֿון זײַן גרויער געקרייזלטער באָרד האָבן זיך זילבערנע פּֿעדעמלעך וואַסער געצויגן און געראָנען אים גלייך אין האַריקן און אָפֿענעם האַרץ, צווישן ביידע פֿליישיקע ברוסטן.

-- ר׳ פּסך, מיט רכמנות! איר ט׳נאָך דעם גאַנצן ברונעם אויסזשלאָקן...

-- וואָס מער דו טרינקסט, אַלץ מער קומט צו -- ענטפֿערט פּסך פֿון עמער אַרויס און שמייכלט מיט זײַן גאַנצן פֿליישיקן פּנים צו די אָנקומענדיקע געסט, אַ סימן אויף בעטן זיצן.

די מאַנסביל זעצן זיך אויס אויף דעם פֿאַרפֿוילטן פֿונדאַמענט פֿון פּסכס הײַזל, וואָס שטאַרט אַרויס פֿון אַלע פֿיר זײַטן. די ווייבער טו